ר׳ ישעיה זוכאָוויצע.

איך בין געווען אויף זיין קבר, אויף דעם מיעד יודישען בית הקברות: אַ קליינער אָרימער שטיין, וואָס איז אַ דריטעל איינגעזונקען אין דער ערד. קוים, קוים וואָס איהר קענט איבערלעזען די מיט גראָהען מאָך בעוואקסענע אותיות: „פּ״נ החסיד ר׳ ישעיה ב״ר מרדכי״. דער יאָהר איז שוין נים קענטיג. מעהר איז אויפ׳ן קליינעם, אָרימען שטיין נימאָ. די דאָזיגע קורצע אויפשריפט האָט ער, דער פערבאָר־גענער „למד־וואָוניק״, אַליין פערפאַסט און מעהר נים געהייסען שרייבען. וואָס אַ יאָהר זינקט אַלץ טיפער דער שטיין אין דער ערד. נאָר אַ געדיכטער שטרויך בעשיצט איהם פון אויבען און פון אַלע זייטען און די לעגענדע אַרום דעם צדיק׳ס גייסט לעבט טריי אין פאָלקסמויל און שיצט זיין אַנדענקען פון פערגעסענהייט.

נים ווייט פון דער טיר, אַ ניין וויאָרסט, איז פאַראַן אַ דאָרף זוכאָוויטש. נאָך איצט לעבען אין דאָרף ר׳ ישעיה זוכאָוויצער׳ס אייניק־לאַך. נאָר דער מיהל און די קרעטשים, וואָס ר׳ ישעיה האָט נעהאַלטען אין אָרענדע, זענען שוין נים דיזעלבע. אָבער דער גייסט פונ׳ם למד־וואָוניק שוועבט נאָך ווייט אַרום, און טאַטעס גיבען איבער טריי זייערע קינדער, און זיידעס—די אייניקלאַך, פון דעם היילינען מאַן,

וואָס איז דאָ אין אַ שטיבעלע אין וואַלד געזעסן, און פון זיין שטיבעלע פלעגט ער אָפט אין די הימלישע פּאַלאַצען שפּאַצירן און אין איין מינוט אין אַלע ווינקלען פון דער ערד פול געווען.

ר׳ ישעיה זוכאָוויצער איז געווען אַ האַלב היסטאָרישע, האַלב לעגענדאַרישע פּערזענליכקייט. אין גאַנץ ליטא האָט מען געוואוסט, אַז אין זוכאָוויץ איז דאָ אַ גרויסער צדיק, אַ גרויסער למדן. נאָר ווער, וואָס האָט קיינער ניט געוואוסט צו דערצעהלען. ר׳ ישעיה זוכאָוויצער האָט געלעבט אין איין צייט מיט׳ן ווילנער גאון, מיט ר׳ זלמן לאַדיער; איז געווען—זאָגען יודען—אַזאַ צדיק, ווי דער, און אַזאַ גאון ווי יענער. נאָר דערצעהלען פון איהם האָט מען ביי זיין לעבען נאָר ניט געוואוסט. שוין ביי זיין לעבען איז ער אַ לעגענדע געוואָרען. ער האָט געלעבט ווי אַ פּראָסטער קרעטשמער: ביי טאָג אַרום זיין שטוב, אין פעלד, אין מיהל; ביי נאַכט—פערשפּאַרט אין זיין איינזאַמער שטיבעל אין וואַלד. קיין מענשען, קיין חסידים האָט ער צו זיך ניט צוגעלאָזען. קיין טופתים ניט געפּראַוועט, קיין לומדות ניט אַרויסגעוויזען; געלעבט ווי אַ פּשוט׳ער יוד, אַ ישובניק.

דאָס האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון פאָלק. און דער עולם האָט זיך גענומען מיט אַלע קרעפטען צו פאָרשען, צו דערגעהן דעם מהות פון דעם למד-וואָווניק און וואָס טוט ער אין זיין איינזאַמער שטיבעל אין וואַלד. נאָר אומזיסט! ר׳ ישעיה זוכאָוויצער האָט ניט געוואָלט די וועלט זאָל וויסען פון איהם.

נאָר די גויים פון זיין דאָרף האָבען עפּעס געשפּירט, זאָגט מען, און זיי פלעגען מיט אַ ביוון פערטרייבען זיינע בהמות אין זייערע קאָרן. ר׳ ישעיה פלעגט פערציטערט ווערען פון דעם געדאַנק, אַז זיינע בהמות עסען פרעמדס, טוען אַן אימיצען שאדען. ווי ס׳פלעגט איהם נאָר אָנזאָגען, אַז זיינע בידלע זענען „אין היזק״, פלעגט ער לויפען אויף גיך אַליין אַרויסטרייבען זיי. אָט דאָס האָבען טאַקע די גויים געוואָלט. „גרזיע שאַיע כאָרזי״—פלעגען זיי זאָגען—„טאַם ושיטאַ ראָדזיי״—וואו ישעיה געהט, דאָרט געראָט ברויט.

נאָר אין מינסקער סוחר, אַ פרומער יוד,—דערצעהלט די

לענענדע—האָט זיך פאַרגענומען: ער מוז וויסן, וואָס מיט ר׳ ישעיה׳ן איז דער מעהר. פאָהרען צום „למדוואָוניק״ איז געווען אומזיסט: ר׳ ישעיה האָט קיינעם ניט צוגענומען. אָבער אַריינפאָהרען ווי אַן אורח צו איהם אין קרעטשים—דאָס האָט יענער געקאָנט. ר׳ ישעיה איז געווען דער גרויסער „מכנים אורח״.

איז געקומען אַמאָל דער מינסקער גביר, כלומרשט, ווי אַן אָרימער דורכגעהער, צו איהם אויף שבת. פרייטאָג צו נאַכטס, ווען אַלע ביי ר׳ ישעיה׳ן אין שטוב האָבען זיך צולעגט שלאָפען, האָט זיך דער אורח אויך געמאַכט שלאָפענדיג. נאָר ווי עס איז געקומען נאָך האַלבע נאַכט, איז ער אויפגעשטאַנען און שטילערהייד אַוועק אין זאַקען צום שטיבעל אין וואַלד, וואָס ר׳ ישעיה איז געזעסען. אַ שפּאַלט אין שטיבעל איז ניט שווער געווען צו קריגען. האָט ער אַריינגעקוקט אין שפּאַלט און האָט געזעהן, ווי דאָרט ברענט אַ ליכט און עס שטעהט אַ שוואַרצע ברעט. אויף דער ברעט זענען געווען אויסגעשריבען די זינד, וואָס ר׳ ישעיה האָט פאַרן טאָג געטאָן. דער „למדוואָוניק״ אַליין איז געשטאַנען פאַר דער ברעט און געוויינט און געקלאָגט אויף זיינע זינד מיט גרויס בכיות און תחנונים. אַזוי זענען פאַרביי עטליכע שעה. ענדליך האָט דער מינסקער גביר דערזעהן, ווי פון אויבען האָט זיך צראָבגעלאָזען איבער דער ברעט אַ ווייסע האַנד—האָט אָבגעמעקט פון דער ברעט אַלע זינד און האָט אָנגעשריבען: „וסר עוונך וחטאתך תכופר״. דאָס איז טייטש: דיין זינד איז אָבגעטאָן און דיינע עברות—פאַרגעבען. דאַן האָט דער צדיק אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגען און איז געגאַנגען אין שטוב שלאָפען.

ר׳ ישעיה זובאָוויצער איז קיינמאָל פון זיין דאָרף ניט אַרויס. ער האָט אויך ערגעץ ניט געדאַרפט געהן. ער האָט מיט דער ערד וועניג שייכות געהאַט. נאָר אין ווילנער מקוה טובל זיין זיך פלעגט ער געהן אַלע ערב שבת. ער פלעגט אַרויסגעהן אַ שעה פאַר ליכט בענשען—זאָגען פרומע יודען—און פונקט צו ליכט בענשען קומען צוריק אין זובאָוויץ. ר׳ ישעיה האָט ניט געברויכט פאַר זיין שפּאַציר אין ווילנער מקוה, ניט קיין אויטאָמאָביל, ניט קיין אַעראָפּלאַן. ער האָט געהאַט

אַ שנעלערע פּליזדמאַשין. ער האָט גענומען „קפיצת־הדרך". ער האָט נאָר נערדאָפּט דעם „שם" אַרויסזאָגן, האָט זיך די ערד אונטער איהם גענעבען אַ דרעה, און ער איז אין איין אויגענבליק געווען אין ווילנא, אָדער צוריס ביי זיך אין זוכאָוויץ—אַ פּאָר הונדערט וויאָרסט פון ווילנא.

מ'דאַרף פאַרשטעהן, אַז ר' ישעיה איז נים אויסען געווען דוקא די ווילנער מקוה, ער האָט געקענט קריגען אַ מקוה נעהענטער, אין דער מיר. נאָר אין דער ווילנער מקוה פלעגט ער זיך אין געחיים זעהן מיט'ן ווילנער גאון, און דאָרטען אָבהאַלטען מיט איהם בעראַטונגען וועגען הימלישע ענינים, אָדער וועגען כלל־ישראל.

אין יענער צייט, דערצעהלען יודען, איז געווען נאָך אַ גרויסער צדיק, ר' ליב חסיד. ר' ליב חסיד איז אויך געווען פון די בעהאַלטענע. ער איז געזעסען אויף אַ ישוב און געווען אַ גרויסער אָרימאַן. נאָר אַז ער פלעגט דאַרפען אויסגעבען אַ טאָכטער, פלעגט ער קומען קיין ווילקאָמיר. ווילקאָמיר איז געווען אַ שטעדטעל פון לומדים און גבירים. ווילקאָמירער יודען האָבען שוין געוואוסט, אַז, ווי ר' ליב חסיד קומט, דאַרף ווערען פיער הונדערט גילדען אויף „הכנסת כלה" פאַר זיין טאָכטער. מעהר ווי פיער הונדערט גילדען האָט ר' ליב חסיד נים גענומען. האָט ער נעהאַט פאַר פול זיין סומע, האָט מען איהם געמענט געבען מויזענדער, פלעגט ער אָבגעבען צוריק. דעריבער פלעגט שטענדיג זיין אַ קאָנקורענץ צווישען ווילקאָמירער גבירים. יעדער האָט געוואָלט דעם צווייטען פאַרלויפען דעם וועג. כדי ער זאָל חלילה נים אויסענבלייבען מיט זיין חלק אויף „הכנסת כלה" פאַר ר' ליב חסידס טאָכטער.

אַמאָל איז ר' ליב חסיד אָנגעפאָהרען אין ווילקאָמיר עפּעס אונ־געריכט. די ווילקאָמירער גבירים האָבען זיך דערוואוסט, האָט מען איהם אָנגעהויבען טראָגען אויף הכנסת כלה. נאָר צו אַלעמענס בעד־וואונדערן האָט ער אָבגעשיקט צוריק, נים געוואָלט נעהמען ביי קיינעם אַ גראָשען. דער עולם האָט נאָך קיין צייט נים געהאַט צו פרעגען איינער ביים צווייטען: וואָס איז דער מעהר מיט ר' ליב חסיד? איז ער שוין נים געוואָרען. נאָך אַ פערלויף פון אַ פּאָר וואָכען איז ר' ליב חסיד געקומען פון וועג צוריק אַהיים און מעלדעט זיין געזינד מיט גרוים

שמחה: איך האָב אייך געבראַכט אַ טייערע מתנה. נאָך איהר בין איך דאָס טאָקע געפאָהרען. מ׳האָט זיך געזעצט עסען. דאָס געזינד האָט מיט אונגעדולד געוואַרט, דער טאַטע זאָל שוין אַרויסנעהמען און ווייזען די טייערע מתנה. מ׳האָט אָבגעגעסען. מ׳האָט גענומען בענטשען. פאַרן בענטשען מאַכט ר׳ ליב חסיד צו זיינע קינדער: „הערט צו קינדער, וואָס פאַר אַ שענע מתנה איך האָב אייך געבראַכט; אַז איך וועל זאָגען אין בענטשען „מכל טוב״ זאָלט איהר שווייגען, ניט ענטפערן „אמן״, ווי אַלע מאָל איז ביי אונז דער שטרענגער געווען. און אַז איך וועל אַרויסזאָגען „אל יחסרנו״ אָט דאָ זאָלט איהר ענטפערן „אמן״.

אָט דאָס איז געווען ר׳ ליב חסידס טייערע מתנה. ביי איהם איז פּלוצלונג געוואָרען אַ שאלה: וואו מ׳דאַרף ענטפערן „אמן.״ צי נאָך „ומכל טוב״, צי נאָך „אל יחסרנו״. און כאָטש ער איז אַליין געווען דער גרויסער צדיק און איז געווען אַ גרויסער מקורב צום ווילנער גאון, איז ער אָבער געפאָהרען קריגען אַן ענטפער אויף זיין שאלה צו ר׳ ישעיה זובאָוויצער. ד. ה. ער איז געפאָהרען זעהן: ווי אַזוי איז זיך ר׳ ישעיה נוהג. צוליב דעם איז ער דאָ דורכגעפאָהרען ווילקאָמיר.

די דאָזיגע לעגענדע, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ ליב חסיד, וואַרפט אונדירעקט אַ שיין אויף דעם גרויסען אויטאָריטעט, וואָס דער בעהאַלטענער למד־וואָווניק האָט געהאַט ניט בלויז ביים פּראָסטען עולם, נאָר אפילו צווישען די גרעסטע לומדים פון זיין ציים.

פון די איבריגע לעגענדעס וועגען דער פּערזענליכקייט פון ר׳ ישעיה זובאָוויצער וועל איך ברענגען נאָך אַ פּאָר, מעהר כאַראַקטע־ריסטישע, דער פּריץ, ביי וועמען ר׳ ישעיה האָט געהאַלטען אין אַרענ־דע די קרעטשמים און דעם מיהל, פלעגט איהם אַלע ערב פּסח אַריינ־שיקען אַ קעלבעל. אַמאָל — דערצעהלען יודען — האָט דער פּריץ געוואָלט פּרובען זיין ראַנדאַר: צי איז ער באמת אַ צדיק, צי ניט. האָט ער איהם אַריינגעשיקט אַ קעלבעל, וואָס ער האָט אויפגעהאָדעוועט מיט חזירישע מילך. די קעלבעל האָט מען געשאָכטען, איינגעזאַלצען און אָועקגע־שטעלט אין פאָרהויז. אין עטליכע טעג אַרום נעהמט ר׳ ישעיה פאַרביי,

האָט ער געזעהן, ווי דאָס פלייש פון דער קעלבעל איז פון אויבען ביי־ צדינען מיט אַ שפּינוועבס. האָט ער עס געהייסען אַרויסוואַרפען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום פרעגט איהם דער פּריץ: ווי שמעקט איהם דאָס קאַלבען־פלייש? האָט ר׳ ישעיה מודה געווען, אַז דאָס פלייש האָט ער אַרויסגעוואָרפען, ווייל דאָס שפּינוועבס איז ביי איהם געווען אַ סימן, אַז ס׳איז טריפס. דאַן האָט איהם דער פּריץ מודה געווען, אַז ער האָט איהם געוואָלט אויספּרובען.

אַן אַנדער ערב פּסח, דערצעהלען ווייטער יודען, האָט ר׳ ישעיה זיך געכאַפּט, אַז ער האָט פערגעסען די בראַנפען צו פערקויפען אין חמץ. ער האָט אויף גיך געהייסען אַרויסטראָגען די פעסער מיט די בראַנפען און לאָזען זיי אויפ׳ן פעלד. די גויים האָבען אפילו גרויס דרך ארץ געהאַט פאַר ר׳ ישעיה׳ן, נאָר דער יצר הרע פון בראַנפען האָט גבר געווען, און פאַר דער וואָך פון פּסח האָט מען ביסלעכווייז אויס־געצאַפּט די ביטערע בידן דעק. ווי גרויס איז אָבער געווען זייער וואונ־דער, ווען זיי האָבען אויף מאָרגען נאָך יום טוב דערזעהן, ווי ס׳צאַפּט זיך בראַנפען פון די נאָר וואָס טרייגעטראָגענע פעסער. ס׳חייסט די פעסער זענען פול געווען מיט בראַנפען, כאָטש די גויים האָבען אויסגעצאַפּט.

די אַלע לעגענדעס אַרום דער פערזענליכקייט פון ר׳ ישעיה זבאַוויטער האָבען אַ וויכטיגע בעדייטונג. זיי ווייזען, אַז דאָס פאָלק האָט תמיד געשעצט דעם פשוט׳ן יודען, וואָס לעבט נעהענטער צו דער נאַטור, וואָס מאַכט קיין ווערען נים פון זיך, וואָס היט זיך צו פערנעהמען אַ פרעמדען גראָשען, און וואָס בעציהט זיך מיט גלייכער ליעבע צו יודען און צו גויים. פון דער אַנדערער זייט ווייזען זיי, ווי שטאַרק ס׳איז געשעצט געווען אַ חריבע מאָראַלישע יודיש פערזענליכ־קייט אין דער אַרומיגער קריסטליכער וועלט. ס׳איז אַ פאַקט, אַז זעלטען וועלכער גלח געניסט ביי קריסטען אַזאַ רעספּעקט און פער־עהרונג, ווי אַ יודישער חיילינער—דאָס זעהן מיר בעשיינפערליך אפילו אין אונזערע צייטען.